# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

375 | פרשת ויקרא | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### די מעלה פון 'תפילת נדבה'

**"אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה'"** (א ב)

"בקרבנות נדבה דבר הענין" (רש"י).

די שכל זאגט אז עס איז מער וויכטיגער ערקלערן די דינים פון די קרבנות חובה, איז פארוואס הייבט אן די תורה די דינים פון קרבנות נדבה?

ערקלערט **רבי יוסף צבי דוננער** ראב"ד לאנדאן:

די תורה האט צום ערשט ערקלערט די קרבנות נדבה אונז צו לערנען די גרויסע מעלה פון דער וואס איז זיי מקריב, וואס מיט דעם ווייזט ער אז ער איז נישט מקיים די מצוות פון די תורה נאר כדי יוצא זיין וואס ער איז מחוייב, נאר מיט זיין גאנצן כח וויל ער מקיים זיין נאך מצוות כדי צו טון א נחת רוח פארן באשעפער.

אזוי אויך ביים דאווענען וואס איז היינט אנשטאט די קרבנות (זעה ברכות כו ב), האט א ספעציעלע חשיבות די קאפיטלעך תהילים און תפילות וואס דער מענטש לייגט צו אויף די קביעות'דיגע תפילות, ווייל דורך דעם ווייזט ער אז ער איז וויל זיך אנשטרענגען אין עבודת ה' מער פון וואס ער איז מחויב.

'דרכי יוסף צבי' עמ' נד

דא איז דער פלאץ משבח זיין דער וואס איז מקפיד אויף די מנהג הקדמונים זאגן די ברכות השחר צוזאמען מיט א חבורה פון מענטשן וואס ענטפערן אמן איינער נאך די ברכות פון די אנדערע (זעה שו"ע או"ח ו ד), ווייל דורך דעם רופט ער אויס אנהייב טאג אז ער דינט נישט דעם באשעפער נאר צו יוצא זיין וואס ער איז מחוייב, נאר ער וויל טון די מצוות בשלימות אויך אזעלעכע זאכן וואס ער איז נישט מחוייב צו טון מעיקר הדין.

### 'מן הבהמה' קענען מיר זיך לערנען די מדרגה פון א איד

**"אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם"** (א ב)

זאגט האדמו"ר **רבי שלמה פון ראדאמסק**:

"אָדָם" - א געווענליכער מענטש, "כִּי יַקְרִיב" - אז ער וויל זיך דערנענטערן צו ה' און שטייגן אין עבודת ה', "מִן הַבְּהֵמָה... תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם" - פון די בהמה קען ער פארשטיין ווי הויעך און גרויס איז זיין מדריגה, און דורך דעם דערנענטערט ווערן

### א קליינע אבער א מעכטיגע ווארט

**"וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה"** (א א)

**רבי יעקב דב מארמארשטיין** דער נשיא פון 'בני אמונים' זאגט:

"וַיִּקְרָא" - איז ראשי תיבות: 'ויענו ישראל קול רם אמן', א רמז אויף די גמרא (שבת קיט ב) אז מ'דארף ענטפערן אמן "בכל כוחו" און ד.מ. "בקול רם" (זעה תוספות שם ד"ה כל העונה).

און פארוואס איז דער אות אל"ף [וואס איז מרמז אויף אמן] קליין? כדי אונז דערמאנען אז ענטפערן אמן איז א גרינגע און קליינע זאך צו טון, און גרינגערהייט קען דער מענטש זאמלען מצוות אן קיין גרעניץ.

צו ה'. ווייל בזמן שבית המקדש היה קיים האט אויך דער פשוט'סטער מענטש געקענט מיט זיין מויל אליין מאכן א טויש אין די בהמה פון חולין צו א קרבן. און אזוי גרויס איז דער כח פון יעדע דיבור פון א איד, על אחת כמה וכמה ווי גרויס איז די כח פון תורה און תפילה וואס ער זאגט פארן אייבערשטן!

'תפארת שלמה'

### 'וכוף את יצרנו להשתעבד לך'

**"אִם עֹלָה קָרְבָּנוֹ מִן הַבָּקָר זָכָר תָּמִים יַקְרִיבֶנּוּ אֶל פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד יַקְרִיב אֹתוֹ לִרְצֹנוֹ לִפְנֵי ה'"** (א ג)

די חכמים (ר"ה ו א, ע"פ רש"י שם) לערנען ארויס פון דעם וואס עס שטייט דא: "יַקְרִיב אֹתוֹ", כאטש עס שטייט שוין פריער: "יַקְרִיבֶנּוּ", אז אויב דער נודר איז נישט מקריב וואס ער האט צוגעזאגט, ליגט אויף בית דין אים צו צווינגען ער זאל מקיים זיין די נדר. אבער ווייל ער דארף ברענגען זיין קרבן "לִרְצֹנוֹ", וועגן דעם "כופין אותו עד שיאמר: 'רוצה אני'".

זאגט דער **'שפת אמת'** אז אין די גמרא טרעפן מיר א רמז אז דער מענטש וואס וויל זיך אונטער ווארפן אונטער די עול המצוות, קען בעטן אז פון הימל זאל מען אים צווינגען ער זאל מוזן בוחר זיין די גוטע וועג, ענליך צו וואס מיר טרעפן (יומא סט א) אז דער יצר הרע פון עבודה זרה איז איבערגעגעבן געווארן אין די האנט פון די אנשי כנסת הגדולה. און מיר בעטן טאקע אויף דעם יעדן אינדערפריה: "וכוף את יצרנו להשתעבד לך", און אויך אין די ימים הנוראים דאווענען מיר: "ובכן תן פחדך... ואימתך על כל מה שבראת... לעשות רצונך בלבב שלם".

'שפת אמת' ויקרא תרל"ב, ראש השנה תרמ"ז; 'מפי סופרים וספרים'

### די ברכות היטן אויף די פארמעגן

**"נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא וּמָעֲלָה מַעַל בַּה' וְכִחֵשׁ בַּעֲמִיתוֹ בְּפִקָּדוֹן...; וְהָיָה כִּי יֶחֱטָא וְאָשֵׁם וְהֵשִׁיב אֶת הַגְּזֵלָה אֲשֶׁר גָּזָל... אוֹ אֶת הַפִּקָּדוֹן אֲשֶׁר הָפְקַד אִתּוֹ"** (ה כא; כג)

**רבי משה מאט** א תלמיד פון מהרש"ל זאגט:

דער וואס איז נזהר צו זאגן די ברכות ווי עס דארף צו זיין איז זוכה עס זאל שיינען אויף אים די הצלחה און זיינע נכסים זאלן זיך פארמערן און אפגעהיטן ווערן. און פון די צווייטע זייט, דער וואס געבט נישט אכטונג צו זאגן די ברכות ווי עס דארף צו זיין, וועט זיין פארמעגן פארוויינִיגערט און שאדן ווערן. א משל צו איינער וואס זיין פריינד האט אים געגעבן צו האלטן א בינטל אנגעפילט מיט גאלדענע רענדלעך, און האט אים געגעבן רשות זיך באנוצן מיט זיי, אבער ער האט זיך אויסגענומען מיט אים: יעדע מאל ווען דו וועסט זיך באנוצן און הנאה האבן פון די פארמעגן וואס איך האב דיר געגעבן צו האלטן זאלסטו געדענקען מיך צו לויבן, און דעמאלטס זאג איך דיר צו אז דו וועסט קענען פון דעם הנאה האבן אסאך יארן, און איך וועל דיר צוגעבן נאך און נאך. אבער אויב דו וועסט נישט געדענקען מיך צו לויבן אויף דעם, וועל איך צוריק בעטן די פקדון.

דער יסוד איז מרומז אין אונזער פסוק: "נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא וּמָעֲלָה מַעַל בַּה'", וויאזוי: "וְכִחֵשׁ בַּעֲמִיתוֹ בְּפִקָּדוֹן" - ער וועט לייקענען די געוואלדיגע פקדון וואס דער באשעפער האט אים געגעבן, דורך דעם וואס ער וועט נישט לויבן און זאגן ברכות ווי עס דארף צו זיין וואס ער האט הנאה פון די פקדון. אויב אזוי, וועט דער אייבערשטער אים שוין נישט בענטשן און פארמערן זיין פארמעגן. און נישט נאר דאס, נאר עס וועט ביי אים מקויים ווערן: "וְהֵשִׁיב... אֶת הַפִּקָּדוֹן אֲשֶׁר הָפְקַד אִתּוֹ", ווען די גאנצע גוט'ס וואס ער האט באקומען אלס פקדון וועט אוועקגענומען ווערן פון אים.

'מטה משה' סי' שנא



**דעם קומענדיגן מיטוואך הבעל"ט, י"א ניסן געפאלט אויס די יומא דהילולא פון דער של"ה הקדוש.**
**אין זיין הייליגן ספר 'שני לוחות הברית' שרייבט ער אסאך מאל איבער**
**די גרויסקייט פון די מעלה פון ענטפערן אמן, צווישן זיי שרייבט ער:**

**א.** "די עליונים און תחתונים זענען אנגעהאנגען אין די ווארט אמן, און דאס איז דער עיקר און שורש און שטארקער יסוד פון אלע עולמות" (מסכת תמיד אות פ).

**ב.** "דער וואס איז מכוון ביי יעדע ברכה וואס קומט ארויס פון דער מברך און ענטפערט אמן מיט כוונה אזוי ווי דער דין איז, איז גורם אויבן זייער אסאך קדושה, און אסאך גוטע השפעות אין אלע עולמות, ווייל ער עפענט דער מקור העליון, דער מקור מים חיים, אזוי ווי איינער וואס עפענט דעם קוואל אנטרינקען אלעס וואס מ'דארף אנטרינקען..." (שם).

**ג.** "דאס איז דער אמת אז 'אמן' אליין איז זייער גרויס און זיין גרויסקייט האט נישט קיין באגריף" (שם אות פא).

**"בני אמונים" - אמן אויף יעדע ברכה**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## 'יהי רצון' נאך די ברכות השחר (ד)

### 'והסיר ה' ממך כל חולי'

אין דער פארזעצונג פון דער 'יהי רצון' וואס מיט דעם ענדיגט מען די ברכות השחר זענען דא וואס האבן צוגעלייגט פארשידענע בקשות וואס ווערן נישט דערמאנט אין דער נוסח אין גמרא, און עס זענען דא וואס האבן געלייגט א גרעניץ נישט אויסרעכענען מער פון 11 בקשות אקעגן די 11 סממני הקטורת ('שלמי ציבור' דיני ברכות השחר סי' יב). מיר וועלן ערקלערן די אלע בקשות וואס זענען אויסגעשטעלט געווארן אין די פארשידענע סידורים זיי צו זאגן אין אט דער 'יהי רצון'.

די חכמים האבן אונז אויסגעלערנט (ב"מ קז ב) אז 'עין הרע' ברענגט צו אלע מחלות, און זיי זאגן אז וועגן דעם שטייט (דברים ז טו): "**והסיר** ה' ממך כל חולי", ד.מ. ער וועט אפטון פון דיר די 'עין הרע' וואס ברענגט אלע קראנקייטן (ראה 'תורת חיים' שם). אזוי ווי די גמרא פארציילט (שם) אז רב איז אמאל ארויס צו א בית קברות נאכקוקן די סיבה פארוואס די נפטרים וואס זענען דארט באערדיגט זענען געשטארבן, און האט געטראפן אז פון יעדע הונדערט טויטע, זענען ניין און ניינציג געשטארבן בעפאר זייער צייט צוליב עין הרע, און נאר איינער איז נפטר געווארן אין זיין צייט - נישט וועגן עין הרע.

דעריבער אין דער 'יהי רצון' בעטן מיר א עקסטערע תפילה עס זאל אונז נישט געשען קיין שום אומגליק וואס קומט פון א "עין הרע", און אזוי ווי דער 'פלא יועץ' שרייבט (אות עין): "ועל הכל תפילה עושה פירות כי אלקינו מרחם, שומע תפלת כל פה, והוא המציל את עמו ישראל מעין הרע, ומכל דבר רע...".

דער סיבה פארוואס מיר כאפן אן: "עין הרע" בלשון יחיד, און נישט "עינים רעות", ווייל די מקובלים שרייבן אז דער וואס וויל ארייןלייגן א עין רעה אין א צווייטן דארף פארמאכן איין אויג, ווייל אין דער צייט וואס זיינע צוויי אויגן זענען געעפענט קען ער נישט ארייןגעבן א עין הרע אין א צווייטן ('חסדי אבות' [לחיד"א] ב יא).

רבי שלום משאש - דער רב פון ירושלים - פלעגט זאגן, אז אין די בקשה דארף מען אויך אינזין האבן מיר זאלן זוכה זיין מקיים זיין דער ציווי פון די תורה (במדבר טו לט): "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" און מיט זאלן נישט נכשל ווערן מיט שלעכטע און גע'אסר'טע ראיות ('אורה של ירושלים' עמ' 47).

### לשון הרע הורגת שלושה

איינס פון די זאכן וואס קען שטארק טשעפען א מענטש איז 'לשון הרע'; ווען איינער רעדט לשון הרע אויף א צווייטן, טוט ער אין אים גרינג שעצן, און באפיינט אים אין די אויגן פון מענטשן. נישט נאר דאס, נאר די חכמים זאגן (ערכין טו ב) אז לשון הרע הרג'עט דריי מענטשן: דער וואס רעדט, דער וואס הערט און גלייבט, און דער וואס מ'האט אויף אים גערעדט. וועגן דעם בעטן מיר: "שתצילני... מלשון הרע" - די חברים זאלן אונז נישט פוגע זיין דורכ'ן רעדן אויף אונז 'לשון הרע' ('עץ חיים' למהר"י צאלח). עס זענען דא וואס האבן צוגעלייגט, אז ביי די בקשה זאל מען אינזין האבן נישט נאר מיר זאלן נישט געשעדיגט ווערן פון א 'לשון הרע' וואס ווערט געזאגט אויף אונז, נאר מיר זאלן אויך זוכה זיין אפהיטן אונזער מויל נישט רעדן 'לשון הרע' אויף אנדערע ('אשישות חיים' ברכות יז א).

זיין אפגעהיטן פון רעדן לשון הרע האט א ספעציעלע קשר מיט תפילה, ווייל די חכמים זאגן (זהר מצורע נו א) אז יעדע ווארט לשון הרע שוואכט אפ דעם רוחניות'דיגן כח הדיבור פון דער מענטש, וועגן דעם ווער עס היט נישט זיין מויל פון לשון הרע ווערט זיין תפלה נישט אנגענומען לרצון לפני ה'.

### מלשינות וואס ברענגט צו עדות שקר

נאך בעטן מיר מיר זאלן גערעטעוועט ווערן "ממלשינות". אויך די בקשה פעלט אויס יעדן אינדערפריה, ווייל פון יעדע מסירה קען ארויסקומען א שלעכטע זאך, און באלד נאכדעם דערמאנט מען די בקשה מיר זאלן גערעטעוועט ווערן "מעדות שקר", ווייל אמאל כדי צו קענען אויספירן די מלשינות דינגט מען ליגנדע עדים ('כרם פתחיה' ברכות גפן עו).

אויף די הארבקייט פון די עבירה פון מלשינות קענען מיר זיך אפלערנען פון די קומענדיגע ערציילונג: ווען דער ווילנער גאון האט זיך אונטערגענומען וואנדערן און גיין אין גלות, האט ער אמאל געדינגען א אידישן בעל עגלה זאל אים פירן צו א געוויסע שטאט וואו ער האט געוואלט אנקומען. אינמיטן וועג, ווען ער איז אריבער געפארן די גרעניץ פון א פעלד, האט די וואגן צוטרויטן עטליכע שורות פון גרינצייג וואס זענען געוואקסן אין פעלד. דער בעל עגלה האט זיך שנעל באהאלטן, און דער אייגנטומער פון די פעלד וואס איז געווען א פארשאלטענער גוי איז באלד געלאפן צו די ריכטונג פון די וואגן און האט זיך גענומען שלאגן דעם וואס איז געזיצן אינעווייניג. טראץ די שולד איז געווען אויפן בעל עגלה, דאך האט דער גאון זיך נישט אנגערופן א ווארט. נאכדעם האט ער ערקלערט פאר זיינע נאנטע: "אויב וואלט איך געזאגט פאר יענעם גוי אז דער בעל עגלה איז שולדיג מיטן צוטרערן די גרינצייג אין זיין פעלד, וואלט דאס פארערכנט געווען אין די גדר 'מלשינות', ווייל דורך דעם וואלט איך צוגעברענגט אז דער בעל עגלה זאל כאפן קלעפ ווען עס קומט זיך נישט אים" ('שם עולם' סוף ח"ב בהשמטה לשמירת הלשון).

### 'שתצילנו מכל גזירות קשות'

די חכמים זאגן (אבות ג י): "כל שרוח הבריות נוחה הימנו - רוח המקום נוחה הימנו", זאגט דער 'חובת הלבבות' (שער יחוד המעשה פרק י) די חכמים ווילן נישט אויסלערנען דעם מענטש ער זאל טון געוויסע פעולות כדי זיך צו באליבן אין די אויגן פון מענטשן, נאר דער באשעפער ער איז דער וואס געבט חן פאר א מענטש און באליבט אים אויף די מענטשן, און דאס זאגן חז"ל, כל שרוח הבריות נוחה הימנו, איז דאס א צייכן אז אויך רוח המקום נוחה הימנו, און וועגן דעם האט ער חן אין די אויגן פון די מענטשן זיי זאלן אים ליב האבן. וועגן דעם בעטן מיר דא, מיר זאלן גערעטעוועט ווערן "משנאת הבריות" מיר זאלן נישט זיין געפיינטעט אין די אויגן פון די מענטשן, נאר עס זאל זיין רוח הבריות נוחה הימנו, און דורך דעם וועלן מיך גערעטעוועט ווערן "מעלילה", מענטשן זאלן נישט אויסטראכטן אויף אונז פארשידענע זאכן אונז שלעכט'ס טון.

נאך בעטן מיר אז ווען עס קומט די צייט, זאלן מיר נישט נסתלק ווערן פון דער וועלט מיט א 'מיתה משונה' נאר מיט א געווענליכע טויט. 'מיתה משונה' באדייט אז טויט וואס קומט דורך א קלאפ פון א שווערד, הונגער אדער עפעס אנדערע אומגליק. דאקעגן א טויט וואס קומט צוליב עלטער אדער א קראנקייט, ווערט גערעכנט פאר א געווענליכן טויט (רש"י תענית יא א ד"ה מיתה). דאס זעלבע בעטן מיר אויך מיר זאלן נישט חלילה קראנק ווערן מיט "חליים רעים" וואס פלאגן אפ דעם קערפער (רש"י ע"ז נה א ד"ה רעים), און אויב עס פאסירט אויף דער וועלט "מקרים רעים" זאלן מיר האבן א ספעציעלע שמירה מיר זאלן חלילה נישט געשעדיגט ווערן פון זיי.

**מעין הרע** - הקב"ה זאל אפטון פון אונז די עין הרע, עס זאל נישט קענען געוועלטיגן אויף אונז, **מלשון הרע** - מ'זאל נישט רעדן אויף אונז לשון הרע **ממלשינות** - מ'זאל אונז נישט מסר'ן, **מעדות שקר** און אויך גערעטעוועט ווערן פון א פאלטשע עדות'שאפט, **משנאת הבריות** אונז זאלן נישט זיין געפיינטעט אין די אויגן פון מענטשן, **מעלילה** - מ'זאל נישט אויסטראכטן אויף אונז בלבולים כדי שלעכט'ס טון, **ממיתה משונה** פון א אומנאטורליכן טויט, **מחלים רעים** - פון שלעכטע קראנקייטן וואס פלאגן אפ דעם קערפער, **ממקרים רעים** וואס פאסירן אין דער וועלט.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## קדיש ביי א מנין פון צוויי מענטשן און אכט נשמות

די ערציילונג איז געהערט געווארן ערשט-האנטיג פון הרה"ג רבי ישראל מאיר לאו שליט"א וואס האט עס מיטגעלעבט, און עס ווערט יעצט נתפרסם אין בעפארברייטונג צו שבת הגדול, ווען עס וועט ווערן זעקס און זיבעציג יאר פון די יאר פון די געשעהעניש - שבת הגדול תש"ה.

בעפאר די שרעקליכע מלחמה האט זיך געענדיגט, אין די צייט וואס מיליאנען אידן זענען שוין פארברענגט געווארן אויף קידוש ה'. זענען אונז, אביסל פארבליבענע און איך צווישן זיי, געווען אין די ביטערע לאגער 'בוכנוואלד'.

אין יענע טעג האט קיינער פון אונז נישט גע'חלום'ט אז דריי וואכן ארום וועט נעמען א ענדע צו אונזער פיין און מיר וועלן באפרייט ווערן. אין יענע צייט זענען מיר געליגן אויף די פאליצעס ווען מיר געפונען זיך אויף די שוועל פון צווייפלונג, ווען מיר ווייסן אז מיר זענען די איינציגע פארבליבענע פון דער גרויסער וועלט וואס איז געווען און איז ליידער אויסגעמעקט געווארן, און מיר האבן נישט געוואוסט אויף וואס מיר דארפן האפן אוןווארטן.

ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן בין איך אינגאנצן אלט געווען דריי יאר. יעצט זייענדיג א יונגל פון אכט יאר, האב איך נישט געדענקט אסאך פון די פריערדיגע יארן... איך האב געוואוסט אז איך שטאם פון די שטעטל פיעטרעקאוו, דארט האט מיין טאטע געדינט אלץ רב, און איך האב געוואוסט אז אין די באראק וואס איז נאנט צו מיין גרויסער ברודער געפונען זיך א טאטע מיט א זון וואס זענען אויך אנגעקומען פון פיעטרעקאוו, ר' לייבל און זיין זון משה פשיגורסקי.

כמעט אין די ענדע פון די מלחמה איז ר' לייבל שטארק אפגעשוואכט געווארן, און יענעם שבת הגדול איז זיין געפייניגטע נשמה ארויף אין הימל. ער האט איבערגעלאזט נאך זיך זיין זון משה, א קיילעכיגער יתום פון טאטע און מאמע, עלנד אויף דער וועלט.

כאטש אין די פינעף שרעקליכע יארן האבן מיר שוין אלעס געזען און מיטגעהאלטן... דאך, יעצט האבן מיר נישט געקענט זיך צוריק האלטן פון וויינען זענדיג דעם עלנדן יתום משה'לע וואו ער ווערט אריינגעברענגט אין באראק זיך געזעגענען פון זיין פאטער, בעפאר זיין קערפער ווערט אוועקגעשיקט צו א אומבאקאנטן ארט. מיר אלע האבן אים באגלייט מיט פארוויינטע בליקן, אבער וואס עס האט פאסירט אין די קומענדיגע סקונדעס, אויף דעם האבן מיר זיך נישט געראכטן; א סקונדע בעפאר די מיטה איז ארויסגעפירט געווארן פון באראק, האט זיך משה'לע אוועקגעשטעלט ביי די אריינגאנג און געשריגן צו די ריכטונג פון דעם קליינעם עולם וואס איז געשטאנען אין די אנדערע זייט:

"אמת טאקע אז מיין טאטע וועט נישט זוכה זיין צו א לויה, און איך וועל קיינמאל נישט וויסן וואו ער איז באערדיגט געווארן, אבער איך בין זיין זון, און אויף די 'קדיש' וואס איך דארף זאגן נאך אים וועל איך נישט מוותר זיין - געבט מיר א סידור!"

"ווער קען מיר ברענגען א סידור?" - האט געפרעגט - אדער - געבעטן דער יונגל וואס אין לויף פון די לעצטע פינעף יאר האט ער נישט זוכה געווען עפענען א אידיש ספר, "איך קען נישט דעם נוסח פון 'קדיש' אויסנווייניג" - האט ער ערקלערט, אבער א ענטפער פאר אים האבן מיר נישט געהאט. אין אזא פלאץ וואו בוכנוואלד, האט מען אפילו נישט געקענט חלום'ען פון טרעפן א אידיש ספר.

"זארג דיך נישט", האט עמיצער פרובירט אים בארואיגן, "באלד וועט זיך ענדיגן די מלחמה און מיר אלע וועלן צוריק אהיים גיין, און אין שטוב וועסט קענען זאגן קדיש אויף דיין טאטן אזוי ווי עס דארף צו זיין...". אבער משה'לען האבן די ווערטער נישט בארואיגט, עס איז אויך נישט קלאר אויב דער וואס האט זיך אנגערופן די אויבנדערמאנטע ווערטער האט אליינס געגלייבט אז עס וועט קומען א טאג און ער וועט זיך צוריק אהיים קערן. דער קינד האט אבער געטראכט אז עס קען גאנץ מעגליך זיין אז יעצט איז זיין ערשטע און לעצטע געלעגנהייט צו זאגן קדיש אויף זיין טאטע, און האט נישט געוואלט עס פארפאסן.

"פארשאפט מיר א סידור, איך מוז זאגן קדיש!", האט משה געזאגט, און די ריינע געוויין וואס איז ארויס פון די טיפעניש פון זיין הארץ האט צוגעברענגט מיר זאלן זיך מער אנשטרענגען און טראכטן פון זיין בקשה. אין ענדע איז צוגעגאנגען צו אים איינער פון די אנוועזנדע און אים אריינגערוימט אין אויער: "הער מיך צו, אין עק פון די לאגער געפונט זיך די 'וועשעריי' וואו דארט וואשט מען אויס די קליידער פון די ארעסטאנטן וואס האבן אויסגעהויכט זייער נשמה, כדי צו קענען איבערגעבן פאר די אנדערע ארעסטאנטן. פון דער טאג וואס מ'האט אויפגעשטעלט דעם לאגער ביזן היינטיגן טאג ווערט עס געפירט דורך א טייערער איד וואס שטאמט פון דייטשלאנד. מ'זאגט אויף אים אז ער איז אנגעקומען אין דער לאגער אין די צייט וואס מ'האט נאך געקענט אריינשמוגלען אזעלעכע סארט זאכן וואס דו זוכסט, גיי צו אים, נישט בעפאר דו געבסט שטארק אכטונג אז דארט איז ריין פון אומגעוואונטשענע אויערן, עס קען זיין אז ער וועט דיך קענען העלפן.

משה'לע, מיט זיין שטארקן ווילן צו דערגרייכן זיין ציל, האט נישט געווארט איין מינוט. ער איז שנעל געלאפן צו די וועשעריי, זיכער געמאכט אז קיינער געפונט זיך נישט דארט, אויסער דער וועשער וואס איז געווען פארנומען מיט זיין ארבעט, נאר דעמאלטס איז ער צוגעגאנגען צום וועשער און מיט א צובראכענע געשטיקטע שטימע זיך געבעטן: "איך בין פאר"יתום'ט געווארן פון מיין פאטער פאר א קורצע ציט, איך דארף זאגן קדיש, און וועגן דעם נויטיג איך זיך אין א סידור. ביטע, געב מיר דיין סידור אויף עטליכע מינוט, איך וועל נאר אויפליינען פון דארט דעם 'קדיש' און געענדיגט".

דער איד, וואו עס זעט אויס איז דערשראקן געווארן פון די פראגע, האט אין אנהויב זיך ארויסגעדרייט ווען ער שרייט אויפן קינד: "ביזסט משוגע געווארן? דו מיינסט אז דו געפונסט זיך אין שטעטל? דו געפונסט דיך אין בוכנוואלד, מיין טייער קינד, דא איז נישטא קיין סידורים, און איך בעט דו זאלסט אויפהערן רעדן נארישקייטן!".

אבער עס זעט אויס אז זיין קעגן-רעאקציע האט נאר פארשטארקט די אנטשלאסנקייט פונעם קינד. ער האט געזוכט אין זיין טאש און אין ענדע האט ער ארויסגענומען זיין 'געווער'; ער האט געוויזן פארן וועשער די גאנצע פארמעגן וואס ער האט פארמאגט אין בוכנוואלד - די טעגליכע רעפטל ברויט וואס זיין לעבן איז אין דעם געווען אנגעהאנגען - און אים געזאגט: "היינט איז שבת און איך ווייס אז אין שבת מעג מען נישט פאסטן, אבער פון דעסוועגן, די מצוה פון 'כיבוד אב' איז מער חשוב'ער, און פאר מיין טאטנ'ס כבוד בין איך גרייט אוועק געבן מיין גאנצע לעבן, נעם די רעפטל ברויט, און איך בעט דיר - געב מיר די סידור אויף עטליכע מינוט".

אין די מאמענט איז די הארץ פונעם אלטיטשקן געבראכן געווארן, זיינע אויגן זענען נאס געווארן פון טרערן, און האט זיך אנגערופן: "איך בין שוין אלט, און איך בין אינגאנצן נישט פארזיכערט צי איך וועל פון דא ארויסגיין לעבעדיג, יעצט זיץ און עס דיין ברויט, אוןווארט ביז איך וועל צוריק קומען. אויב עמיצער וועט אריינקומען, זאג אים אז איך בין ארויס אויף א מינוט".

צען מינוט איז אדורך ביז דער וועשער איז צוריק געקומען. ער האט גוט נאכגעקוקט צי קיינער זעט נישט, נאכדעם האט ער ארויסגענומען פון אונטער זיין העמד א קליינע אפגעריבענע סידור'ל און עס דערלאנגט פאר משה'לע.

אבער דער אלטער האט זיך פלוצלינג אויפגעכאפט און געזאגט: "אבער כדי צו זאגן קדיש דארף מען האבן א מנין, וויאזוי וועלן מיר האבן א מנין דא אין וועשעריי?". אבער דער קינד האט שוין געהאט א ענטפער גרייט: "אין די צייט וואס איך האב דא געווארט האב איך געטראכט פון דעם", האט ער געזאגט, און נאכדעם האט ער געוויזן אויף די געשטרייפטע קליידער פון די ארעסטאנטן וואס זענען געהאנגען אויף די שטריקן; "די וועש זענען ביז נעכטן געווען קליידער פאר אידן וואס זענען גע'הרג'עט געווארן אויף קידוש ה'. די נשמות פון די אידן שוועבן נאך זיכער אויף דער פלאץ. איך זעה דא אכט קליידער, און צוזאמען מיט אונז ביידע האבן מיר א מנין".

די תמימות'דיגע געדאנק איז געפעלן פארן אלטיטשקן וועשער, און אזוי אין די וועשעריי פון בוכנוואלד, אין א מנין וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן פון צוויי אידן מיט אכט געשטרייפטע קליידער, איז געהערט געווארן די געשריי: "יתגדל ויתקדש שמיה רבא".

דערציילט ווייטער הרב לאו:

צענדליגער יארן זענען אריבער פון דעמאלטס. אין א געוויסע טאג האט מען מיך פארציילט מיט גרויס צער איבער די פטירה פון דער מחנך, ר' משה פשיגורסקי זצ"ל, און איך בין גערופן געווארן איך זאל קומען אים מספיד זיין ביי זיין לויה ווען עס באטייליגן זיך א גרויסער ציבור חסידים ואנשי מעשה, און צווישן זיי זיינע חשובע קינדער און אייניקלעך.

אנשטאט מספיד זיין האב איך אנגעהויבן דערציילן פאר די אנוועזנדע די ערשיטערטע ערציילונג פון דער 'קדיש' וואס דער נפטר האט געזאגט יענעם אומפארגעסליכן שבת-הגדול נאך זיין פאטער, נאכדעם האבן איך זיך געוואנדן צו די ריכטונג פון די מיטה און אויסגערופן:

"משה'לע, קוק נאר צו, דיינע קינדער שטייען ארום דיר מיט סידורים אין זייערע הענט, און זיי דארפן נישט מוותר זיין אויף זייער טעגליכע רעפטל ברויט כדי זיי זאלן קענען זאגן קדיש נאך דיר...". מיט די ווערטער האב איך געענדיגט מיין הספד, און דעמאלטס מיט שטאלץ צווישן א גרויסער עולם פון הונדערטער ערליכע אידן האבן די קינדער אויסגעשריגן:

"יתגדל ויתקדש שמיה רבא!".

עיצובים shay